בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון כ"ח

פרשת נצבים וילך תשפ"ג


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### מֶען מוּז גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ

מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ. יֶעצְט זוּמֶער וֶוען מִיר מַאכְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת 'מְלַוֵּה מַלְכָּה' אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ שְׁפֶּעט, קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּם מְלַוֵּה מַלְכָּה, אוּן אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט בִּיז שְׁפֶּעט, מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט, גוּטְמוּטִיג אוּן גְרֵייט פַאר דִי קִינְדֶער.

מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין רוּפְן אִין אָפִּיס אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען, אִיךְ פִּיל זִיךְ נִישְׁט גוּט"**, וָואס הֵייסְט דוּ פִּילְסְט זִיךְ נִישְׁט? דָאס אִיז לִיגְנְט! דוּ בִּיסְט נֶעכְטְן אוֹיפְגֶעוֶוען בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט! אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי אַרְבֶּעט פוּן מְלַמְּדוּת מוּז מֶען גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ!

אִיךְ בֶּעט אַייךְ דָאס מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, וַוייל דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע רָצוֹן, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע עָתִיד פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה.

### נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּער גֶענוּמֶען אַנְטְקֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער

אִין דִי זוּמֶער וָואכְן קוּמֶען מֶענְטְשְׁן בַּאזוּכְן דִי שְׁטֶעטְל, מֶען פָארְט אַרוּם, מֶען בַּאטְרַאכְט דֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל אוּן מֶען רֶעדְט מִיט הִתְפַּעֲלוּת: **"עֶס אִיז אַזַא שֵׁיינֶע פְּלַאץ!"** - וָואס אִיז אַזוֹי שֵׁיין? שֵׁיינֶע בֵּיימֶער קֶען מֶען זֶען אִין גַאנְץ סָאלִיוֶוען קַאוּנְטִי, וָואס אִיז דָאס שֵׁיינְקֵייט? וָואס אִיז אוּנְזֶער קְהִלָּה? - דִי קִינְדֶער! אַז מִיר הָאבְּן מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן לִיבּ דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט אִיבֶּער גֶענוּמֶען אַנְטְקֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער.

אַז מֶען הָאט אֵיין קִינְד וָואס שְׁלָאגְט יֶעדְן טָאג אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן אֵיינֶער קוּמְט דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט יֶעצְט נָאכְאַמָאל גֶעשְׁלָאגְן, קֶען מֶען נִישְׁט גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען אוֹיף זִיכֶער אַז דֶער קִינְד הָאט טַאקֶע גֶעשְׁלָאגְן, מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן דֶעם קִינְד, אֶפְשָׁר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיבּ עֶפֶּעס פֶּעלְט פוּן מַיין לֶעדְל, קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'מִן הַסְּתָם אִיז הָאט עֶס גֶענוּמֶען דֶער קִינְד וָואס גַנְב'עֶט אֵייבִּיג', - פַארְוָואס עֶפֶּעס אִיז עֶס מִן הַסְּתָם דֶער קִינְד?! מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל אַרַיין קוּקְן אִין דִי פַּרְשָׁה זֶען וֶוער הָאט דָאס גֶע'גַנְבְ'עֶט.

אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט מִיר אִין אַ בְּרִיוו: **"מַיין קִינְד אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן פְּלֶעי גְרוּפּ, אוּן מִיר הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אַז עֶס אִיז אִיר אָפְּגֶעבִּיסְן אַ שְׁטִיקְל בַּאק, מֶען הָאט גֶערוּפְן דִי לֶערֶערִין, זִי זָאגְט אַז מֶען הָאט עֶס שׁוֹין מְסַדֵּר גֶעוֶוען... וָואס קֶענֶען מִיר טוּן?"** - וָואס זָאל מֶען טַאקֶע טוּן מִיט דֶעם קִינְד וָואס הָאט גֶעבִּיסְן? מַיינֶע קִינְדֶער בַּייסְן אוֹיךְ, אַלֶע קִינְדֶער בַּייסְן, מֶען קֶען נִישְׁט צֶערַייסְן אַ קִינְד!

## • הִלְכוֹת דֶּרֶךְ אֶרֶץ

אִינְדֶערְהֵיים וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַזֶעלְכֶע פֶּעלֶער וָואס קִינְדֶער קוּמֶען אוֹיסְזָאגְן: **"עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶעצִיפְּט"**, זָאג אִיךְ מֶען זָאל רוּפְן דֶעם קִינְד אוּן אִיךְ זָאג אִים: **"מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן!"** וִוילַאנְג דֶער קִינְד אִיז גֶעגַאנְגֶען רוּפְן דֶער קִינְד וָואס שְׁלָאגְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין לַאנְג בַּארוּאִיגְט אוּן עֶר אִיז צוּפְרִידְן, אַפָּאר מָאל זָאג: **"קֶענְסְט צוּרִיק גֵיין שְׁפִּילְן אִיךְ וֶועל עֶס שׁוֹין מְסַדֵּר זַיין"**, אוּן אַפָּאר מָאל גֶעבּ אִיךְ יָא עֶפֶּעס אַ שְׁטְרָאף.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ צֶערַייסְן אַ קִינְד וָואס טְשֶׁעפֶּעט, אַסַאךְ מָאל דַארְף דֶער אוֹיסְזָאגֶער בְּלוֹיז אַ גוּט וָוארְט, דֶערְפַאר קוּמְט עֶר אַ גַאנְצְן טָאג דֶערְצֵיילְן: **"רֶבִּי, עֶר הָאט מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן"**, **"עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף מִיר"**, **"עֶר הָאט מִיר דָאס גֶעטוּן"**.

### מֶען דַארְף נִישְׁט נִיצְן דֶעם שְׁטֶעקְן

אַ קִינְד וָואס בַּייסְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער קֶען מֶען סְטְרַאשֶׁען אוֹיבּ עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל בַּייסְן וֶועט מֶען אַרַיין לֵייגְן אַ שַׁארְפֶע זַאךְ אִין זַיין מוֹיל, רוֹב מָאל דַארְף מֶען עֶס אַפִילוּ נִישְׁט טוּן, עֶס הֶעלְפְּט מִיטְ'ן וָוארֶענֶען אַלֵיינְס. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ (פַּרְשַׁת חֻקַּת) אִין דִי סֶדְרָה, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן: **"מִיר הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ טְרִינְקֶען"**, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִּדְבָּר כ, ח): **"קַח אֶת הַמַּטֶּה וְהַקְהֵל אֶת הָעֵדָה אַתָּה וְאַהֲרֹן אָחִיךָ וְדִבַּרְתֶּם אֶל הַסֶּלַע לְעֵינֵיהֶם וְנָתַן מֵימָיו"**, נֶעם אַ שְׁטֶעקְן, אוּן זָאגְט פַאר דִי שְׁטֵיין זִי זָאל גֶעבְּן וַואסֶער", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט

›››

גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען וַואסֶער, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: **"אִיר קֶענְט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! פַּארְוָואס הָאסְטוּ גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין? אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעהֵייסְן שְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט נֶעם דִי שְׁטֶעקְן אוּן גֵיי 'זָאג' פַּאר דִי שְׁטֵיין זֵי זָאל גֶעבְּן וַואסֶער!"**

דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע לִימוּד פַּאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, 'מֶען קֶען הָאבְּן אַ שְׁטֶעקְן', מֶען דַארְף זָאגְן פַּאר קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט בַּייסְן, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען זָאגְט זֵיי: **"אוֹיבּ מֶען בַּייסְט וֶועט מֶען דַארְפְן לֵייגְן פֶּעפֶּער אִין דִי מוֹיל"**, אָבֶּער 'מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט נִיצְן', מֶען דַארְף נִישְׁט לֵייגְן דִי פֶּעפֶּער אִין דִי מוֹיל.

בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים וֶוען אַ קִינְד זָאגְט אַ מִיאוּס'עֶ וָוארְט וָוארְנְט מֶען אִים אוֹיבּ עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל וֶועט מֶען דַארְפְן לֵייגְן פֶּעפֶּער אִין זַיין מוֹיל, זַייט מַיין חֲתוּנָה, בְּמֶשֶׁךְ צְוֵויי אוּן צְוַואנְצִיג יָאר הָאט מֶען אֶפְשַׁר 'צְוֵויי מָאל' טַאקֶע גֶעלֵייגְט פֶּעפֶּער! מֶען דַארְף נִישְׁט לֵייגְן, עֶס אִיז גֶענוּג אַז מֶען וָוארְנְט.

מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט פַּארְשֶׁעמֶען קַיין קִינְדֶער; אַז אַ קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט אָדֶער אַ קִינְד הָאט גֶע'גַנְבְ'עט וְכַדּוֹמֶה, דַארְף מֶען פְּרִיוָואט רֶעדְן צוּם קִינְד.

## אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיט'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת

מֶען מוּז אַלֶעס מִיטְטֵיילְן מִיט'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, מֶען דַארְף בֶּעטְן הִילְף אוּן נֶעמֶען עֵצוֹת פוּן זֵיי.

וֶוען מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן קִינְדֶער רֶעדְט מֶען אָן נֶעמֶען, וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט'ן מְנַהֵל אָדֶער מְנַהֶלֶת רֶעדְט מֶען מִיט נֶעמֶען, וַוייל זֵיי זֶענֶען פַאראַנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף אַלֶעס. מֶען מוּז אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען, אַז מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען וֶועט מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה.

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ גַאנְצֶע כִּתָּה אָדֶער אַ גְרוּפֶּע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אַנְטְקֶעגְן אֵיין קִינְד, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין!

מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן אוּנְטֶער גֶעקוֹיפְט פוּן אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד, מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג, אַפִילוּ אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן דֶער קִינְד גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, מֶען דַארְף יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## בֶּעטְס יֶעדְן טָאג אַ תְּפִלָּה

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַ תְּפִלָּה: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, הֶעלְף עֶס זָאל גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעְן מִיט דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן זֵיי זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְט"**.

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן 'קְדוּשָּׁה', רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. דִי דוֹר פַאלְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז זַאכְן וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶען לֵיידֶער הַיינְט פַּאסִירְן. עֶס קוּמֶען צוּ מִיר אָן שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת פוּן מַעֲשִׂיּוֹת; עֶס זֶענֶען דָא וַוייבְּלֶעךְ וָואס ווִילְן נִישְׁט חַתּוּנָה הָאבְּן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט לֶעבְּן נָאךְ דִי חַתּוּנָה, וַוייל אַ בְּרוּדֶער אִיז אִיר נָאכְגֶעלָאפְן אַלְס מֵיידְל, אַז מֶען פְרֶעגְט אִיר: **"פַּארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַּאר דַיין מַאמֶע?"** זָאגְט זִי: **"אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן דֶערְפוּן"**.

מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקְקֵייט, אוֹיבּ אֵיינֶער רִירְט דִיךְ אָן אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּתְ'דִיגֶע פְּלֶעצֶער זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיין מַאמֶע! אוֹיבּ אֵיינֶער הֵייבְּט אוֹיף דַיין קְלֵייד זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיין מַאמֶע! אַז מֶען גֵייט מִיט דִי מַאמֶע צוּם דָאקְטֶער אִיז אַן אַנְדֶערְ זַאךְ, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי קֶען קֵיינֶער דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּנְטֶער דַיינֶע קְלֵיידֶער!

## לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'תְּפִלָּה'. וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוֹיף אַ זַאךְ זָאגְט אִים: **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן"**, אוֹיךְ זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן 'אֱמוּנָה', חַזֶר'ט אַיין מִיט זֵיי דִי וֶוערְטֶער: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא!" "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ", "אִיךְ הָאבּ פוּן גָארְנִישְׁט נִישְׁט מוֹרָא"**. אַז אַ קִינְד זָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ אַ פַּחַד פוּן אַ פְלִיג, פוּן אַ בָּאטֶערְפְלַיי"**, זָאגְט אִים: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דִיךְ, קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן!"** דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן גָארְנִישְׁט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

זִינְגְט מִיט זֵיי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען דִי נִיגוּנִים וָואס אִיךְ זִינְג מִיט דִי בָּחוּרִים, מֶען קֶען מַאכְן אֵייגֶענֶע נִיגוּנִים, מֶער פָּשׁוּטֶ'ער, מֶער בֶּעבִּי'ש אָרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר יוּנְגֶע קִינְדֶער.

## שְׁווִימֶען בִּצְנִיעוּת

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אַ סְווִימִינְג פּוּל (שְׁווִים בַּאסֵיין), אִיךְ ווִיל מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי לֶערֶערִינְס אַז מֶען מוּז שְׁווִימֶען בִּצְנִיעוּת, אֵיידְל.

ווִי אַזוֹי וֵוייסְן מִיר וָואס מֵיינְט אֵיידְל? - מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט וָואס מֵיינְט אֵיידְל, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז אַ בֶּעדִינְג סוּט אִיז אַ בֶּגֶד פוּן פְּרִיצוּת, מֶען קֶען נָאר שְׁווִימֶען מִיט אַ שְׁווִים קְלֵייד.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁווִימֶען מִיט אַ שְׁווִים קְלֵייד? - דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז שְׁוֶוער! עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן נִישְׁט עֶסְן, וַוייל עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער דָאס קַייעֶן, עֶס טוּט זֵיי וֵויי וֶוען זֵיי קַייעֶן, זָאלְן זֵיי נִישְׁט עֶסְן?! מֶען מוּז עֶסְן, אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְּן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט שְׁווִימֶען, קֶען

# בְּרִיוְון פוּן הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## זָאל אַ טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע בָּחוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן וֶועגְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַן עֶכְטֶער נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל בֶּאֱמֶת נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט הַנָאָה גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ מוּז טַאקֶע לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים, אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי לָאזְן אַלֵיין אוֹיפְוַואקְסְן.

אִיךְ רֶעד דַוְקָא פוּן בָּחוּרִים, וַוייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מִיט קִינְדֶער פֶעלְט יָא אוֹיס צוּ לֶערְנֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וּבִפְרַט פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בְּרֵייט אָפְן וְכוּ'.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם כְּלַל: "מֶען דַארְף קוֹדֶם זִיךְ אַלֵיינְס מְחַנֵךְ זַיין"; וַוייז פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן קַיין נִיבּוּל פֶּה - נִישְׁט דוּ אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט דַיין וַוייבּ אוֹיף דִיר, כְּדֵי דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

זֶע אַז עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטוּבּ; עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם עַצְבוּת אוּן כַּעַס אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער. וַוייל קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶר עֶלְטֶערְן, וָואס זֵיי זֶעעֶן בַּיי דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע וֶועלְן זֵיי נָאךְ טוּן, אוּן וָואס זֵיי הֶערְן רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ רֶעדְן זֵיי נָאכְדֶעם אוֹיפְ'ן גַאס. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט - הָאט עֶר גֶעהֶערְט אָדֶער פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער פוּן זַיין מַאמֶע; דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע כְּלַל אִין חִינוּךְ צוּ זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען ווִיל דֶער קִינְד זָאל לֶערְנֶען דַארְף דֶער טַאטֶע לֶערְנֶען - וֶועט דֶער קִינְד שׁוֹין בְּמֵילָא לֶערְנֶען.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען בְּחַבְרוּתָא מִיט דַיינֶע בָּחוּרִים; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם בְּאוֹפֶן כְּלָלִי וַוייל יֶעדֶע קִינְד אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ לֶערְנֶען מִיטְ'ן טַאטְ'ן, זֵיי ווִילְן אַלְץ לֶערְנֶען נָאךְ שִׁיעוּרִים, ווִידֶערְאוּם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן וְכוּ', עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵייעֶר נַאטוּר, אָבֶער דָאס אִיז זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַיין קִינְד זָאל לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ אַלֵיינְס לֶערְנֶען, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶערְנֶען.

צְוֵייטְנְס דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל עֶפֶּעס פּוֹעֵלְ'ן בַּיים קִינְד דַארְף מֶען דָאס אִין אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, מִיט כֹּחַ קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף זֵיי וַוייל דָאס מַאכְט אַז שְׁפֶּעטֶער זָאלְן זֵיי דָאס פַיינְט הָאבְּן וְכוּ', דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ בַּאצְוִוינְגֶען אַ קִינְד.

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן וֶועג הָאט עֶר גֶע'חַזֶר'ט מִיט זַיין קִינְד: "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט טְרִינְקֶען זָאלְסְטוּ זָאגְן סַבְרֵי מָרָנָן וְכוּ'", אַ גַאנְצֶע

# הַמְשֵׁךְ שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, שְׁנַת תשפ"ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

זַיין עֶס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אָנְצוּטוּן אַ שְׁווִים קְלֵייד בַּיים שְׁווִימֶען, אָבֶער אַז מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, אִיז עֶס גְרִינְג.

דָאס שְׁווִימֶען דַארְף זַיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע צְנִיעוּת, עֶס מוּז זַיין מְחִיצוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל זַיין אַפִילוּ נָאר אַ קְלֵיינֶע לָאךְ. אוֹיבּ אִיז דָא אַפִילוּ אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁווִימֶען, חַס וְחָלִילָה!

אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְמַאכְן דִי סְווִימִינְג פּוּל. אִיךְ ווִיל מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מִיר קֶען מֶען נִישְׁט אוּנְטֶער קוֹיפְן מִיט גֶעלְט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענֶעדְזְשֶׁער: **"אוֹיבּ דוּ פַארְדִינְגְסְט בָּאנְגֶעלָאוּ'ס פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס דִי פְרוֹיעֶן שְׁווִימֶען נִישְׁט בִּצְנִיעוּת, דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין קָאנְטְרִי, וֶועט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער פוּן דִי בָּאנְגֶעלָאוּ'ס! אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין קָאנְטְרִי, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין קֶעמְפּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין סְווִימִינְג פּוּל, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט בִּצְנִיעוּת".**

לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה וָואס דִי כַּלָה אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין זַאל נִישְׁט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה וְחֶרְפָּה! שֹׁמּוּ שָׁמַיִם! רֶבִּי'ס טַאנְצְן נָאךְ מִצְוָה טַאנְץ בַּיי דֶעם חֲתוּנָה, וַוייל דֶער טַאטֶע גֶעבְּט זֵיי גֶעלְט, רֶבִּי'ס וָואלְטְן גֶעדַארְפְט אַרוֹיס לוֹיפְן פוּן זַאל אוּן זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין דָא! קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן, אַלֶע טַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ, וַוייל דֶער טַאטֶע גֶעבְּט גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת...

בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ דַארְף אַ הֵיילִיגֶע רֵיינֶע פְּלַאץ, זָאלְן אַלֶע אַוֶועק גֵיין, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד צוּ הַאלְטְן אָפְן דִי מוֹסָד אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט עַל פִּי תּוֹרָה.

## • הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ

מֶען דַארְף אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ אָנְצוּטוּן אוּן אוֹיסְטוּן פַארְ'ן שְׁווִימֶען אוּן נָאכְ'ן שְׁווִימֶען, אַלֶעס זָאל זַיין בִּצְנִיעוּת.

### לֵייגְט עֶס אַרַיין מִיט גֶעשְׁמַאק

דִי לֶערֶערִינְס דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, אֵיידְל, שֵׁיין אוּן קְלַאסִיג, נִישְׁט אוֹיסְגֶעלַאסְן אַזוֹי ווִי חַיוֹת, בְּהֵמוֹת, קֶעצְלֶעך אוּן הִינְט.

לֵייגְט עֶס אַרַיין מִיט גֶעשְׁמַאק, נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן טְרַאכְטְן: 'וָואס נָאךְ טָאר מֶען נִישְׁט אוּן וָואס נָאךְ טָאר מֶען נִישְׁט?' - זֵיי זָאלְן ווִיסְן אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הָאט מֶען אַ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

וועג האט ער אים געלייגט לחץ און געזאגט: "געדענק'זשע! געדענק'זשע!" ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבי'ן און דער רבי האט געגעבן פאר'ן קינד דעם בעכער, האט דאס קינד – אנשטאט זאגן סברי מרנן – אנגעהויבן: "געדענק'זשע!..."

האט דער רבי דעמאלט געזאגט פאר דעם טאטע'ן די שיחה (חיי מוהר״ן, סימן תלב): "מה שהמלמדים דוחקים את התינוק ביותר, על ידי זה אינו יודע התינוק כלל", דאס וואס מען דרוקט אויפ'ן קינד, דורך דעם ווייסט דער קינד גארנישט, "רק צריכין להיות אמן גדול בזה ללמד את התינוק בהדרגה בלי איום הרבה, ובלי דחק יותר וכו', ועל ידי זה יתפס יותר בנקל", מען דארף זיין א חכם צו וויסן ווי אזוי מען לערנט מיט'ן קינד שטייטעליך, צוביסליך, אן לייגן אויפ'ן קינד א פחד און אן לייגן דרוק, אזוי וועט ער בעסער פארשטיין. דער רבי האט אים געזאגט: "ווען דו וואלסט ווען גע'חזר'ט מיט דיין זון אביסל ווייניגער מאל און אן קיין דרוק וואלט ער געקענט זאגן דעם 'סברי מרנן', נאר פון אזויפיל מאל איבערזאגן 'גידענק'זע', 'גידענק'זע', גידענק'זע', פון גרויס פחד געדענקט ער נאר דאס ווארט 'גידענק'זע'".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תקמב)

## ווי אזוי איז מען מחנך קליינע קינדער?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

א גרויסן יישר כח פאר די געוואלדיגע חיזוק וואס איר געבט פאר די וועלט.

מיין זון איז איין יאר אלט, און איך שפיר אז איך האב נישט קיין אנונג וואס חינוך איז; איך וואלט זיך זייער געוואלט לערנען ווי אזוי מחנך צו זיין קינדער.

למשל אז מיין זון וויל נישט עסן פלייש, וואס טוט מען אין אזא צייט? און אזוי ווייטער אנדערע זאכן.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך – יום ב' פרשת ויקרא, ד' אדר ב', שנת תשע״ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

בנוגע וואס דו פרעגסט אז דיין קינד וויל נישט עסן קיין פלייש וכו'; דאס איז א זאך וואס מען דארף פארלאנגען פון קינדער. אפילו זיי ווילן נישט עסן קיין פלייש וכדומה, זאלן זיי עסן געזונטע עסן.

מען דארף דאס מאכן מיט חכמה, וואס דאס טועט געווענליך די מאמעס; זיי ווייסן שוין ווי אזוי אויסצושפילן די קליינע קינדער מיט א מעשה'לע וכדומה. מען דערציילט זיי אן אינטערעסאנטע מעשה ביז זיי פארגעסן אז זיי ווילן נישט עסן, אזוי נארט מען אריין אין זיי דאס עסן, ביז זיי געוואוינען זיך צו צו קענען עסן געזונטע עסן.

נאך א וויכטיגע כלל איז דא אין חינוך, אז עלטערן טארן נישט ווערן דערשראקן ווען די קינדער וויינען אדער בלאזן; אז עלטערן זאגן 'יא' אדער 'ניין' קען מען נישט צוריקציען, אפילו ווען מען זעט ווי די קינדער בלאזן און וויינען וכו'. ווייל א ווארט פון טאטע מאמע דארף זיין א ווארט, א 'יא' איז א 'יא' און א 'ניין' איז א 'ניין'.

עס איז נישט פארהאן א געזונטערע זאך פאר קינדער ווי א שטארקע ווארט פון עלטערן; אויב די עלטערן ווערן דערשראקן ווען די קינדער וויינען, מיט דעם צעווארפן זיי די גאנצע חינוך און עתיד פון זייערע קינדער. מען טאר נישט ווערן פארלוירן ווען דאס קינד וויל נישט עסן, מען דארף האבן אסאך געדולד און זיין שטארק ביז דאס קינד פאלגט און עסט אויף.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו גוטע און ערליכע קינדער, ווייל אפילו די וואס ווייסן ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדער דארפן אויך אסאך בעטן דעם אייבערשטן פאר די קינדער און אייניקלעך – זיי זאלן זיין ערליכע אידן.

מוהרא״ש האט דערציילט, א איד איז געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים געוויזן פאר דעם איד א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט יעדן טאג זיך אויסוויינען אויף גוטע קינדער, אז דו דארפסט גוטע קינדער זאלסטו זאגן תהלים און וויינען צום אייבערשטן, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער"; זעט מען פון דעם אז זוכה זיין צו גוטע קינדער איז נאר דורך אסאך בעטן דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תקע)

### שמחות ווינקל

## • ברכת מזל טוב •

מערכת "שיעורי חינוך" וואונטשט בשם אלע מחנכים איבער די וועלט א ווארעמע ברכת מזל טוב פאר ידידינו הנכבד העומד לימיננו בכל עת

**מוה״ר שמעון עוזר פערל שליט״א**

צום שמחת החתונה פון זיין זון

**החתן שמואל אייזיק נרו יאיר**

**עב״ג א טאכטער פון מוה״ר יוסף סאקס שליט״א**

במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קיימא, א בנין עדי עד און דורות ישרים ומבורכים, זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת ביי זייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

מערכת שיעורי חינוך

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876